דף היומי קאָלום

מעג מען אַריינברענגען דעם ספר פון בן סירא אין בית הכסא?

• **פון הרב פּנחס ווילינגער**\מאָנטרעאַל

מסכת בבא בתרא דף צ״ח עמוד ב׳, מילתא אגב אורחיה קאָ משמע לן, דלאו דרכא דחתנא למידר בי חמוה, כדכתיב בספר בן סירא הכל שקלתי בכף מאזנים ולא מצאתי קל מסובין, וקל מסובין חתן הדר בבית חמיו, וקל מחתן אורח מכניס אורח וכו׳.

ווען דער גרויסער גאון הרב ר׳ מאיר שפּיראָ זצ״ל, לובלינער רב און גרינדער פון דער ישיבה „חכמי לובלין״, האָט באַזוכט דעם פריערדיקן באָבובער רבי׳ן, דער בעל „קדושת ציון״ הי״ד, אין קרעניץ, האָט ער געפרעגט דעם באָבובער רב אויפן פּסוק אין דער היינטיקער פּרשה, ויאמר יעקב אל לבן הבה את אשתי כי מלאו ימי ואבואה אליה, זאגט רש״י והלא קל שבקלים אינו אומר כן, אלא להוליד תולדות אומר כן. פאַרוואָס האָט רש״י אָנגעכאַפּט דאָס דאָזיקע לשון „קל שבקלים״, און נישט „והלא פּחות שבפּחותים אינו אומר כן״, האָט דער „קדושת ציון״ געענטפערט, אַז רש״י איז געקומען מרמז זיין אויף דעם וואָס בן סירא זאָגט אונז דאָ אין דער גמרא, ווייל יעקב איז געווען אַ „חתן הדר בבית חמיו״, ביי לבן הארמי, וואָס דאָס איז „קל שבקלים״ – נעמלעך, „קל מסובין״, „וקל מסובין חתן הדר בבית חמיו״. הרב ר׳ מאיר שפּיראָ זצ״ל האָט זייער שטאַרק באַוואונדערט דעם דאָזיקן פּשט.

דער „חלקת מחוקק״ (סימן א׳) שרייבט פונעם ליקוטי מהרי״ל, אז בן סירא׳ס מוטער „נתעברה מש״ז של ירמיה באמבטי וסירא בגימטריא ירמיהו״, און זע אין ספר „עבודת הקודש״ פון ר׳ משה קורדאווירו זצ״ל, אין חלק התכלית (פּרק י״ז) ווי ער ברענגט פון ספר יצירה, מזמן אברהם אבינו ע״ה נמצא בין אומתו הקדושה וירמיה ע״ה בזמן בית הראשון היה מתעסק בו, כמו שנמצא בספר הבטחון שעשה רבי יהודה בן בתירא ע״ה הביאו רב חמאי גאון ז״ל בספר היחוד וגם הביאו לבין עצמו, יצתה בת קול ואמרה קנה לך חבר, הלך אצל סירא בנו ונתעסקו בספר יצירה שלשה שנים, לקיים הכתוב אז נדברו יראי ה׳״ עכ״ל. אָבער אין ספר „צמח דוד״ (חלק א׳, ג״א תמ״א) שרייבט ער אַז ער האָט דאָס נישט געפונען נישט אין ש״ס, נישט אין מדרש, און ער ברענגט פון „שבט יהודה״, וואָס ער שרייבט, „בן סירא היה בן בתו של יהושע בן יהוצדק הכהן הגדול, הנזכר בעזרא ג׳ עיין שם״.

די שאלה איז, צי מען מעג לערנען אין ספר בן סירא. די גמרא אין מסכת סנהדרין (דף ק׳ עמוד ב׳) זאָגט, רב יוסף אמר, בספר בן סירא נמי אסור למקרא. זאָגט דאָרט רש״י, „שיש בו דברי הבאי ובא עליהם לידי ביטול תורה״, אָבער די גמרא אַליין ברענגט־צו פון ספר בן סירא, ווייל „במילי מעלייתא דאית בה דרשינן״. אזוי שטייט אין „נימוקי יוסף״ און אין „דרכי משה״ (יורה דעה סימן רמ״ו סעיף קטן ט׳) „והא דהתירו בספר בן סירא במילי מעליותא שבו, ולא בשאר ספרי מינים, משום דבשאר ספרים הרי יש בהם מינות, ושאני מינות דמשכא, מה שאין כן בספר בן סירא דאסרוהו משום דברי הבל, הרי אמרו קבל את האמת ממי שאמרו, ואם כן במילי מעליותא שבו מותר״.

דער „תפארת ישראל״ (סנהדרין, פּרק י׳, משנה א׳) שרייבט: „דבבית הכסא פּשיטא דשרי לקרות ספר בן סירא״. אָבער הרב הגאון ר׳ שלמה זלמן ברוין ז״ל שרייבט אין זיין ספר „שערים המצויינים בהלכה״ (בבא בתרא דף ק׳ עמוד ב׳) „ונראה דאף שהוא צודק בעיקר הדין, שכן מבואר בתוספות יום־טוב דספרים חיצונים מותר לקרות בבית הכסא, מכל מקום לא דק, דהרי אסור להכניס ספר בן סירא לבית הכסא, דהרי יש בה שם אלוקים,דבמסכת סנהדרין מובא שכתוב בספר בן סירא, אשה טובה מתנה טובה בחיק ירא אלוקים תנתן״, און רש״י שרייבט „ שכן הלשון בספר בן סירא״, ואם כן הרי יש בה שם אלוקים, ואסור להכניסו לבית הכסא, ווי עס שרייבט דער רמב״ם (הלכות יסודי התורה, פּרק ר׳).

אַן איגרתל פון ווילנע

קאַפּיטעלעך אידיש

• **פון הירשע=דוד כ״ץ (ווילנע)**

אַן הקדמהלע אַ קליינינקע

אַ ליטוואַק, אַזוי קען מען ווען=ניט=ווען אויסהערן ביי אַ זייטיקן, איז דאָך בטבע אַ כעסן. אַ שטיקל ישועה נאָר (אַזוי רעדט מען פונדעסטוועגן אויכעט), וואָס אַ ליטוואַק איז אַלעמערשטנס ברוגז מיט זיך אַליין, אָנשטאָט אויסזוכן זיך אַ קרבן בעלמא, אַ צווייטן. (דאָס האָט אַפילו אַ באַלכסונדיקן שייכות מיט דעם וואָס אַ ליטוואַק איז עלול תשובה טאָן נאָך פאַר דער עבירה, נאָר דאָס געהערט אַן אַנדער קאַפּיטעלע אידיש.)

אַכלל, איך האָב זיך אַנטשולדיקט פאַר אונדזער רעדאַקטאָר, און בעט איצט מחילה ביי אייך, טייערע, חשובע לייענער פונעם „זשורנאַל״, פאַרן לאַנגן שווייגן, דאָ אינעם אַמאָליקן, חרוב=געוואָרענעם ירושלים דליטא. וואָס אַן אמת, איז דאָ אַ איד בפירוש ווען=ניט=ווען שטאַרק פאַרנומען דאָ מיטן אָננעמען זיך פאַר דער קליינער אידישער קהילה קעגן די אָפּטע אַנטיסעמיטישע העצעס; מיטן פאַרטיידיקן דעם כבוד פון די טייערע שארית=הפליטה אידן וואָס זיינען געבליבן ליבן דורכן העלדיש קעמפן קעגן די נאַציס אין די וועלדער, וואָס קעגן זיי שטעלט גאָר אַרויס די מלוכה ווילדע קלאַגן און באַשולדיקונגען; מיטן בויען אַ ברייטערע התנגדות (שיער ניט געזאָגט: מתנגדות, ווי עס קען זיך אין ווילנע פּלאָנטערן אַ צונג) אַקעגן די שרעקלעכע רעזאָלוציעס ביי היינטיקן טאָג אין אייראָפּעאישן פּאַרלאַמענט וואָס ווילן אַריינשרייבן פאַר אייראָפּע אַ פאַלשע רעווידירטע געשיכטע, אַז עס איז ניט געווען קיין חורבן (האָלאָקאָוסט), געווען זיינען צוויי „גלייכע גענאָצידן״ מצד נאַציס און סאָוועטן. נאָר דאָס אַלצדינג געהערט אַן איגרתל פון ווילנע, ניט אַ קאַפּיטעלע אידיש.

* * *

טאָ וואָס זיינען דאָס די נייע „קאַפּיטעלעך אידיש״?

פון געשיכטע וועגן: דער נאָמען שטאַמט פון אַ רובריק מיט וועלכער איך האָב מיט יאָרן צוריק אָנגעפירט אין „פאָרווערטס״, אונטער דער רעדאַקציע פונעם איידעלן, טייערן יאָסל מלאָטעק ע״ה. קומט אויסעט יאָסל מלאָטעקן מיט פרייד דערמאָנען לטובה ביים אויפלעבן אַ פּראָיעקט וואָס איז געבאָרן געוואָרן און האָט שיינע יאָרן אויסגעלעבט אונטערן קלוגן רעדאַקטאָרשן אוהל פון זיין השגחה.

פון מעשה כולה וועגן: פאַרוואָר, ס׳האָבן זיך ביי אונדז אָנגעקליבן אָנפרעגן, וואָס זיינען דאָ קיין ווילנע אַריבערגעשיקט געוואָרן פון פאַרשיידענע מקומות, טאַקע פון נאָענט און פון ווייט, אויף וועלכע מיר האָבן, את חטאי אני מזכיר, נאָך ניט געענטפערט (איז: אַ דאַנק די אָנפרעגער פאַר זייער געדולד און מידת הרחמים).

פאַראַן נאָך אַ צווייטע ליטווישע טבע, דהיינו: צו פּרובירן ענטפערן אויף צוויי קשיות מיט איין תירוץ. די ערשטע קשיא איז אויפן לענגערן שווייגן בכלל פאַר די טייערע לייענער. די צווייטע קשיא איז מכח די געפרעגטע פראַגן מכח אידיש (ניט אויף אַלצדינג, פאַרשטייט זיך, ווייסן מיר אַן ענטפער, אָדער אַפילו אַן השערה, און אַ סברא אַז ניט איינמאָל וועלן מיר אויך אַריינפאַלן, ווי ס׳איז דער שטייגער, און מיר ריכטן זיך אַז איר, טייערע לייענער, אַז איר וועט אָפּטמאָל האָבן מער און בעסערס וואָס צו זאָגן).



Johannis Buxtorfi

THESAURUS
GRAMMATICUS
Linguæ Sanctæ
Hebrææ
Duobus libris methodicè propoſitius
Quorum prior vocum ſingularum
naturam & proprietates, alter vocum conjunctarum rationem & elegantiam univerſam, accuratiſſimè
explicat.
ADJECTA
Poëſeos Hebraicæ accurata Tractatio.
Lectionis Rabbinicæ ſolida inſtructio.
Lectionis Hebræo-Germanicæ uſus & exercitatio.
In Inclyta Helvet.
Basileæ,
Typis Conradi Waldkirchi.
clɔ Iɔc IX.

שער=בלאַט פון יאָהאַן בוקסטאָרפס לאַטיינישן בוך איבער לשון קודש וואָס איז אַרויס אין באַזעל אין 1609. אויפן שער=בלאַט ווערט אויך אָנאָנסירט אַז דער באַנד נעמט אַריין אַ קאַפּיטל וועגן דער ״העבראָע=גערמאַנישער״ שריפט וכו׳, ד.ה. אינעם לשון פון די קריסטלעכע געלערנטע פון יענער צייט: אידיש. (אימאַזש: פון דער בריטישער ביבליאָטעק, לאָנדאָן)

איז לייגן מיר אייך היינט אויפן טיש, טייערע לייענער פונעם זשורנאַל, אַן ערשטן נוסח פונעם תירוץ אויף די ביידע זאַכן: די „קאַפּיטעלעך אידיש״, מיט דאַנקבאַרשאַפט אונדזער רעדאַקטאָר=לעבן, הרב יוסף יצחק בן גרשון יעקבסאָן נ״י.

מערב אידיש און מזרח אידיש

דער באַקאַנטער געלערנטער, פּראָפעסאָר שאול שטאַמפּפער, פון העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, האָט אַנומלטן צוגעשיקט אַ פראַגע וועגן דעם עצם עלטער פון דער בולטער דיפערענציאַציע פון מערב אידיש און מזרח אידיש. פּראָפעסאָר שטאַמפּפער, אַ געבאָרענער אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, און לאַנגע יאָרן אַ תושב אין ירושלים, איז דער מחבר פון אַ סך געלערנטע ווערק, בתוכם זיין בוך אויף העברעאיש וועגן דעם אויפקום פון די ליטווישע ישיבות (עס גייט בקרוב אַרויס אַן איבערזעצונג אויף ענגליש).

כדרך המלומדים, ברענגט פּראָפ. שטאַמפּפער ניט סתם אין דער וועלט אַריין אַ פראַגע, נאָר מיט אַ „רחל בתל הקטנה״: „ווי פרי קען מען דאָקומענטירן אַז עס איז געווען אַ חילוק פון מערבדיקן און פון מזרחדיקן אידיש״?

פון קלאָרקייט וועגן: די אַלע היינטיקע לעבעדיקע אידישע דיאַלעקטן („פּויליש=אונגאַריש״, „אוקראיניש=בעסאַראַביש״, „ליטוויש=ווייסרוסיש״ און זייערע אונטער=דיאַלעקטן) געהערן אָן אויסנאַם דעם: מזרחדיקן אידיש. אין ברייטערן זין וועט דאָס פּשוט הייסן: דער אידיש פון די מזרח=אייראָפּעאישע אידן.

דאַקעגן=זשע, גייען אַריין אין מערב אידיש די אַמאָליקע אידישע דיאַלעקטן וואָס מ׳האָט מיט הונדערטער יאָרן צוריק גערעדט אין די דייטש=ריידנדיקע לענדער, אין האָלאַנד, אין עלזאַס, אין איטאַליע און די שכנותדיקע לענדער. ביישפּילן אויפן שפּיץ מעסער: אויף „טאַטע״ און „מאַמע״ האָט מען געזאָגט: „עטע״ און „מעמע״. אַ „תפילה״ האָט געהייסן --- אַ סידור. געציילטע רעשטלעך לעבן עד היום אין מויל פון אידן פון גרענעצדיקע געביטן פון מזרחדיקן אידיש, למשל: „בערכעס״ אָדער „באַרכעס״ אויפן אָרט פון אונדזער „חלה״. וועגן דעם אַלעמען, מירצעשעם, אין אַן אַנדער קאַפּיטעלע אידיש.

וגם זו כדרך המלומדים, וואָס פּראָפ. שאול שטאַמפּפער אַליין ברענגט אַראָפּעט אַן ערשטע תשובה. ער דערמאָנט אין זיין בריוו די באַרימטע קורצע באַמערקונגען אויף דער טעמע פון דעם קריסטלעכן געלערנטן פון לשון קודש און אַראַמיש וואָס האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט אידיש, יאָהאַן בוקסטאָרף אין באַזעל, אין דער שווייץ (ער האָט געלעבט פון 1564 ביז 1629). אין זיין „טעזאורוס״ (באַזעל, 1609), שרייבט ער (אויף לאַטיין, לויטן מנהג פון די קריסטלעכע געלערנטע פון יענער צייט), אַז די פּוילישע אידן דיפערענצירן זיך פון די דייטשישע אין זייער לשון, אַז זיי, די פּוילישע אידן, ריידן מיט אַ זינגעוודיקן טאָן; ער דערמאָנט אויך בפירוש דעם באַנוץ פון „ענק״ (אָנשטאָט „אייך״) ביי די פּוילישע אידן. נמצא, אַז בוקסטאָרף האָט דאָ טאַקע געמאַכט אַ קורצע באַמערקונג וועגן דעם, אַז מערב אידיש (ביי אים וועט דאָס הייסן: ביי די דייטשישע אידן) איז געווען אַנדערש איידער דער מזרחדיקער אידיש (צו יענער צייט פאַרסכהכלט אינעם באַגריף: „די פּוילישע אידן״).

דער חילוק גופא פונעם מערבדיקן אידיש ביזן מזרחדיקן איז אָבער פאַרשטייט זיך אָן אַ שיעור עלטער איידער דיאָ קורצע באַמערקונג פונעם קריסטלעכן אָבזערוואַטאָר מן הצד פון אָנהייב זיבעצעטן יאָרהונדערט.

ערשטנס, איז מן הסתמא: צוויי קיבוצים אויף פאַרשיידענע טעריטאָריעס דיפערענצירן זיך אַלעמאָל, מדעיקרא, בלשונם, אין זייער דיאַלעקט. דאָס איז אַ פּרינציפּ פון דער אַלגעמיינער טעאָרעטישער דיאַלעקטאָלאָגיע. היוצא מדברינו: דער מזרחדיקער אידיש האָט זיך גענומען אונטערשיידן פונעם מערבדיקן שוין באַלד ווי אידן האָבן גענומען זיך אַריבערקלייבן פון די צענטראַל אייראָפּעאישע לענדער קיין פּוילן (און ליטע, אוקראַינע וכו׳).

צווייטנס, טאַקע אינעם גייסט פון פּראָפעסאָר שטאַמפּפערס לייגן דעם טראָפּ אויף דאָקומענטירטע ראיות, און ניט גלאַט אַזעלכע וואָס וואַקסן פון טעאָריעס און השערות:



מערב אידיש און מזרח אידיש: די צוויי גרויסע "בלאָקן" פון אידישע דיאַלעקטן אין אייראָפּע. אַלע היינטיקע דיאַלעקטן פון אידיש געהערן: מזרח אידיש. מערב אידיש איז שוין פון לאַנג אונטערגעגאַנגען ווי אַ לעבעדיקער לשון. די דאָזיקע מאַפּע, מיט ענגלישע צושריפטן, ווייזט אָנעט אויף די בערכדיקע גרענעצן פון יעדן איינציקן דיאַלעקט וואָס אין די צוויי גרויסע בלאָקן. די מאַפּע שטאַמט פון אַ בוך פונעם בעל=הקאַפּיטעלעך:

דער ענטפער על רגל אחת איז, אַז אידישע מחברים, און אין דער ערשטער ריי אונדזערע רבנים, האָבן אין גאַנג פון זייערע הלכהשע און אַנדערע שקלא=וטריות זיך דאָ און דאָרטן אָפּגעשטעלט אויף אונטערשיידן צווישן אידישע דיאַלעקטן. אַזאַ מין גרונט=פראַגע, וועגן מערב און מזרח אידיש, האָט פאַרשטייט זיך אויך געצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט.

עטלעכע ביישפּילן: איינער פון די סאַמע מיסדים פון נוסח אשכנז, דער מהרי״ל ז״ל (מהר״י סג״ל, יעקב בן משה הלוי מולין, געלעבט בערך פון 1360 ביז 1427) האָט שוין מבחין געווען אין זיינע שאלות ותשובות, ריידנדיק וועגן אַ פּרט אין לייגן תפילין, וועגן דעם אונטערשייד צווישן די „בני עסטרייך״ (מזרחדיק פון זיין שטאַנדפּונקט) און די „בני הת״ (די אַמאָליקע אשכנזים ביים ריין אין געגנט פון די קהילות שו״ם --- שפּירא [שפּייער], ווערמייזא [וואָרמס] און מאגענצא [מיינץ]). מען האָט אין יענע דורות גוט געוואוסט אַז די מערבדיקע אשכנזים ריידן אַרויס אַ „חית״ אַזוי ווי אַ „הא״ (דעריבער: בני=הת), בעת ווען די מזרחדיקע מאַכן פונעם חית: אַ כף (רפויה). בעת מעשה האָט מען הנאה געהאַט פונעם שפּאַסיקן און היימישן אָנדייט אויף די בני חת וועלכע האָבן דאָך אברהם=אבינו׳ן פאַרקויפט די מערת המכפלה (בראשית כ״ג).

דער ענין איז נאָך עלטער. אָט למשל האָט זלמן הנקדן („יקותיאל פון פּראָג״), וועלכער האָט געלעבט אַ סברא אין פריערדיקן דרייצעטן יאָרהונדערט, דערמאָנט אין זיין „עין הקורא״ אַז ביי יענע אשכנזים (ד.ה. לויט אונדזערע היינטיקע השגות: די מערב אשכנזים, די דוברי מערב אידיש), ביי וועמען מען רעדט אַרויס דעם חית ווי אַ הא (די „בני הת״), איז פאַראַן נאָך אַ שטריך: זיי זיינען ניט מבחין צווישן דעם שין=ימין („ש״ קלאַנג) און שין=שמאל („ס״ קלאַנג). ווער עס האָט אַמאָל אַריינגעקוקט אין דער אַלט=אידישער ליטעראַטור פון הונדערטער יאָרן צוריק, ווייס זייער גוט אַז קיין סמך וועט מען דאָרטן אויף אַ רפואה אויך ניט טרעפן. מ׳האָט אָנגעווענדט בלויז דעם אות „שין״.

טאַקע (פאַר קיינעם ניט געדאַכט!) ווי די אַמאָליקע אומגליקלעכע בני אפרים וואָס האָבן איינגענומען אַ מיתה משונה פאַרדערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געקענט אַרויסזאָגן „שבולת״ און זיינען טיף אַריינגעפאַלן מיטן „סבולת״ (שופטים י״ב: ה־ז). עס דערמאָנט אויך אין די שפּעטערדיקע ליטוואַקעס מיט זייער „סבסדיקן לסון״. און אַז ס׳גייט שוין דערוועגן די רייד: צי איז פאַראַן אַ התקשרות צווישן די אַמאָליקע מערבדיקע אשכנזים און די שפּעטערדיקע ליטוואַקעס אינעם ענין פונעם „שמאל״? דאָס איז גאָר אַן אַנדער קאַפּיטעלע אידיש...

אויף היינט וועט דאָס קלעקן אויף צו דערווייזן, אַז אונטערשיידן צווישן מערב אידיש און מזרח אידיש זיינען געווען פון די עלטסטע צייטן, און די ערשטע וואָס האָבן זיך אַפּדערויף אָפּגעשטעלט זיינען געווען אַמאָליקע רבנים און בעלי לשון. שפּעטער=צו האָבן זיך אינטערעסירט אויך קריסטלעכע געלערנטע.

"אַ גוטן טאָג"

יהושע מאַרקאָוויץ, אַ סטודענט פון יוריספּרודענץ (שטודירט ווערן אַן אַדוואָקאַט) אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, און אַן איבערגעגעבענער סטודענט פון אידיש און שומר אידישקייט, פרעגט אַזאַ מין זאַך.

ער האָט מיט גרויס הנאה איבערגעלייענט די באַוואוסטע סאַטירע איבער דער „אידיש באַוועגונג״ אין אַמעריקע, וואָס עס האָט אָנגעשריבן די באַרימטע ניו=יאָרקער אידישע שרייבערין מרים שמולעוויטש האָפּמאַן. דאָרטן שילדערט מרים האָפּמאַן אַ „קאָנגרעס צו ראַטעווען די אידישע שפּראַך״ וואָס עס ווערט אָנגעפירט פון איינעם אַ „דאָקטאָר ראַבאַי״ וועלכער עפנט אויף דעם קאָנגרעס זיינעם (וואָס קומט פאָר, ניט מער און ניט ווייניקער, אין ליטל=ראָק, אַרקענסאָ...) בזה הלשון: „אַ גוטן טאָג״. צוויי היימישע אידן וואָס זיצן זיך אינעם עולם קוקן איינער אויפן אַנדערן פאַרחידושט. איינעם דאַכט זיך אַז מ׳ענדיקט שוין גלייך די פאַרזאַמלונג (ווייל אויף אידיש זאָגט מען „אַ גוטן טאָג״ אַז מ׳געזעגנט זיך), בשעת ווען דער צווייטער באַרואיקט אים, פאַרזיכערנדיק, אַז מען פאַרטרייבט חלילה ניט דעם עולם; נאָר וואָדען, דער „דאָקטאָר ראַבאַי״ (ווי אַ סך זעלבסט=פאַרקלאַמירטע „אידיש רעטער״) הינקט פּשוט אונטער אין אידיש (ד.ה. די שפּראַך וואָס זיין קאָנגרעס איז געקומען אָפּראַטעווען).

דעם באַנוץ פון „אַ גוטן טאָג״ אויפן אָרט פון „שלום=עליכם״ אָדער „ברוכים הבאים״ (אָדער סתם „האַלאָ״) טרעפט מען אין די ענגליש=ריידנדיקע לענדער ביי די וואָס קענען שוואַכלעך אידיש. אפשר האָט דאָ געווירקט דער היינט=שוין=אַלטמאָדישער ענגלישער „גוד דעי״.

לערנט זיך אָבער אין משך פון דעם איצטיקן אוניווערסיטעט=זמן יהושע מאַרקאָוויץ אין לאָס אַנדזשעלעס, העיר הגדולה אשר למדינת קאַליפאָרניע ביי אַ לערער, אַ איד פון דער אַלטער היים וואָס איז איבער די שמונים, עד מאה ועשרים שנה. און דער לערער פאַרזיכערט זיינע תלמידים, אַז „אַ גוטן טאָג״ קען מיינען „האַלאָ״ אויך, און ניט נאָר „גודבאַי״, און ער גדענקט דאָס בפירוש פון זיינע קינדער=יאָרן.

איז וואָס איז דער דין? פאַראַן אין הלכות אידיש אַ הווה=אמינא, אַז ווען מ׳האָט אַן עדות אַ איד פון פאַר דער מלחמה וואָס טענהט, אַז ער אָדער זי געדענקט אַ פּרט הלשון פון אַמאָל, פון דער היימשטאָט אין מזרח אייראָפּע גופא, טאָר מען דאָס ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. ס׳פאַלט אַפּדערויף אַ שטעמפּל: צריך עיון.

אין דעם פאַל איז א סברא שייך אָט וועלכער ענטפער: יהושע מאַרקאָוויץ האָט גלייך אַ פרעג געטאָן ביי זיין אידישן לערער אָדאָס וואָס מ׳דאַרף אַ פרעג טאָן סאַמע אָנהייב ביי יעדן טייערן אידן פון דער פאַרמלחמהדיקער אַלטער היים: פון וואַנעט שטאַמט אַ איד?

דער ענטפער: פון ריגע, היינט די הויפּט=שטאָט פון לאַטוויע (לעטלאַנד). אין משך פון הונדערטער יאָרן, און אויך אין די צווישן=מלחמהדיקע יאָרן ווען יהושע מאַרקאָוויצעס לערער איז אויפגעוואַקסן, איז איינע פון די אָנגעזעענע שפּראַכן אין ריגע געווען די דייטשישע שפּראַך. ביז וואַנעט די צאַרישע מאַכט פון מלכות רוסלאַנד האָט ניט געמאַכט רוסיש פאַר דער אָפיציעלער שפּראַך פון דער שטאָט, אין יאָר 1891, איז דייטש אַפילו געווען די אָפיציעלע שפּראַך פון דער שטאָט פאַרוואַלטונג. אין די יאָרן צווישן די ביידע וועלט מלחמות, האָט די אומאָפּהענגיקע לעטישע מלוכה געווירקט מיט וואָס נאָר מעגלעך, אַז לעטיש זאָל ווערן די געוועלטיקנדיקע שפּראַך, ניט דייטש און ניט רוסיש. נאָר די צוויי גרויסע, שטאַרקע שפּראַכן האָבן ווייטעק שטאַרק געווירקט, ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען.

איז אונטער דער השפּעה פון דייטש, וואו „גוטען טאַג״ מיינט בפירוש „האַלאָ״, איז טאַקע געווען אָנגענומען אין גערעדטן ריגער אידיש דער באַנוץ אויף אידיש פון „אַ גוטן טאָג״ מיט אָטאָ דעם באַדייט.

איז דער לאָס=אַנדזשעלעסער לערער פון אידיש, אַ יליד ריגע, אינגאַנצן גערעכט וועגן זיין היימישן באַנוץ, און ס׳איז אַ טייל פון דער געשיכטע פון ריגער אידיש. אָבער פאַרן אַלגעמיינעם באַנוץ פון אידיש איבער דער וועלט, ביי היינטיקן טאָג און אויף לאַנגע יאָרן ממש, קען „אַ גוטן טאָג״ נאָר הייסן: „זייט געזונט״, אַז מ׳געזעגנט זיך.

און דערמיט טאַקע געזעגענען מיר זיך אויף היינט מיט אייך, טייערע לייענער, ווינטשענדיק געזונט און אַלדאָסגוטס, אָנהייבנדיק מיט אַ גוטן טאָג און אַ גוטע וואָך.

www.dovidkatz.net
www.holocaustinthebaltics.com

די לייענער פונעם ״אַלגעמיינעם זשורנאַל״ ווערן פאַרבעטן אַריינשיקן מיט עלעקטראָנישער פּאָסט (״אי=מייל״) זייערע שאלות און ענינים מכח אידיש. מען בעט אַז די בריוולעך זאָלן זיין קורץ און צו דער זאַך, מ׳זאָל אומבאַדינגט שרייבן עטלעכע ווערטער וועגן זיך, און דער עיקר: נאָר און בלויז מיט אידישע אותיות (ניט ״אידיש מיט לאַטיינישע אותיות״). דער אַדרעס: dovidkatz@vilniusuniversity.net

צום באַדויערן איז ניט מעגלעך יעדן ענטפערן פּערזענלעך און פאַרדערפאַר בעט מען אין פאָראויס מחילה.

איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טויט פון הונדערט מענטשן

פאָרזעצונג פון דער ערשטער זייט

פאַרשידענע אינטערעסן, וואָס ווערן אָבער נאָכנישט צוליב דעם טריף. פיל פייערלעשער ווערן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט. צי וועלן זיי דעריבער באַטראַכט ווערן אַלס קלענערע העלדן אַריינלויפנדיק אין אַ ברענענדיקער געביידע און איינשטעלנדיק זיך די לעבנס כדי צו ראַטעווען אַ קינד – ווייל זיי ווערן דערפאַר באַצאָלט? מענטשן ווערן דאָקטוירים כדי צו העלפן אַנדערע, אָבער אויך כדי צו לעבן שיין – שאַפט דאָס אַ מאָראַלישע פעלער אין זייער אַרבעט?

פאַרקערט. דאָס צוריקהאַלטן אַ ניר־ביישטייערער פון נעמען אַ פאַרגיטיקונג איז אַ באַליידיקונג פון זיין זעלבסט־ווירדע. ווען אַ זעלנער פאַרלירט אַ פוס אין לבנון און בעט אַ פינאַנציעלע קאָמפּענסאַציע פון דער רעגירונג, האָט קיינער נישט אויף אים קיין טענות; קיינער פאַרלאַנגט נישט ער זאָל האָבן ריינע אינטערעסן – דינען זיין לאַנד בלויז צוליב דער פליכט אַליין, אָן דערוואַרטן דערפאַר אַ פאַרגיטיקונג. מענטשן ווייסן אַז עס קומט אים פאַרן זיך אַוועקגעבן פאַרן לאַנד.

און וואָס איז די הלכהדיקע שטעלונג אין דער דאָזיקער פראַגע? דער איבערוויגנדער רוב רבנישע פּוסקים, ווי הרב שלמה זלמן אויערבאַך ז״ל און די געוועזענע רבנים ראשיים, הרב שלמה גורן, הרב לאַו, און הרב עובדי׳ יוסף, שטיצן דאָס באַצאָלן פאַרן ביישטייערן גלידער, צוליבן טעם: ווייל ביישטייערן אַ ניר ראַטעוועט לעבנס. עס איז אַ מצוה, און ס׳איז נישט קיין חסרון צו געבן געלט כדי צו טאָן אַ מצוה. עס ענדערט נישט דעם עצם אַקט.

איך רוף דעריבער דעם ציבור דרינגענד צו שרייבן צו די חברי־כנסת. ווייניקסטנס דאַרף מען ענדערן דאָס געזעץ צו דערלויבן צו פאַרגיטיקן משפּחות פאַרן ביישטייערן אַ קערפּער, ווייל דער גרעסטער קעגנשטאַנד דערין איז אַרום לעבעדיקע ביישטייערער. העכער 100 ישראלים און 7,000 אַמעריקאַנער שטאַרבן יערלעך צוליב מאַנגל אין בייגעשטייערטע גלידער. מיר דאַרפן איצט נעמען שריט, און אידישקייט וועט זיין אין דעם געביט אַן אור לגויים.

רובי בערמאַן איז דער גרינדער און דירעקטאָר פון דער ״הוד״ אָרגאַניזאַציע בייצושטייערן אָרגאַנען